**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רייע געזעצן צו באשיצן מענטשן וואס האלטן קרעדיט און גיפט קארטלעך**

***געזעץ (S.133-B/A.5698-B) באשיצט מענטשן מיט קרעדיט קארטלעך פון דאס אז זייערע אנגעזאמלטע באלוינונגען זאלן געקענסעלט ווערן***

***געזעץ (S.3467-B/A.4629-C) פארבאט גיפט קארטל צוצאלונגען און באגרעניצט אפלויף דאטומען***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן צו באשיצן קונדן פון ווערן אויסגענוצט דורך קרעדיט און גיפט קארטלעך תכסיסים אין ניו יארק. געזעץ S.133-B/A.5698-B באשיצט מענטשן וואס האלטן קרעדיט קארטלעך דורכן שאפן א פארלענגערטע צייט אפשניט צו קענען נוצן באלוינונג פוינטס נאכן פארמאכן אן אקאונט. געזעץ S.3467-B/A.4629-C פארבאט צוצאלונגען און אפלויף (עקספירעישען) דאטומען אויף גיפט קארטלעך און גיפט סערטיפיקאטן.

"אזוי ווי מיר גייען אריין אין די האלידעי סעזאן ווען ניו יארקער גיבן און קויפן מתנות פאר זייערע פריינט און פאמיליע, איז עס וויכטיגער פון סיי ווען אז מיר זאלן זיי באשיצן פון אומיושר'דיגע תכסיסים וועלכע האבן אן עכטע ווירקונג אויף קונדן'ס קאסטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ וועט גאראנטירן א פרייליכע סעזאן אין ניו יארק סטעיט דורכן זיכער מאכן אז קיין איין ניו יארקער פארלירט נישט אומיושר'דיגערהייט זייער אנגעזאמלטע קרעדיט קארטל באלוינונגען אדער באשווינדלט ביים קויפן א גיפט קארטל פאר א באליבטער."

געזעץ S.133-B/A.5698-B באשיצט מענטשן וואס האלטן קרעדיט קארטלעך דורכן שאפן א פארלענגערטע צייט אפשניט צו קענען נוצן באלוינונג פוינטס נאכן פארמאכן אן אקאונט כדי זיי זאלן נישט פאלן א קורבן צו באלוינונג פראגראמען וועלכע ווערן אפט אנגעפירט לויט אפמאכן וועלכע זענען נישט דורכזיכטיג פאר קונדן צו זעהן. איין באזונדערע סעיף אין פילע קרעדיט קארטל אפמאכן ערלויבט די קרעדיט קארטל פירמע צו קענסעלן אלע אנגעזאמלטע באלוינונג פוינטס אדער אנדערע באלוינטע בענעפיטן ווען די קרעדיט קארטל אקאונט ווערט פארמאכט, אן גיבן דעם קרעדיט קארטל אייגנטומער סיי וועלכע געלעגנהייט צו נוצן די אנגעזאמלטע פוינטס. דאס ווערט א קונדן באשיצונג אנגעלעגנהייט ווען די פירמע פארמאכט איינזייטיגערהייט אן אקאונט פאר סיבות וו.צ.ב. אז א מענטש מאכט נישט א באצאלונג אדער פאר נישט קלארע סיבות וועלכע פאלן אריין אונטער די כללות'דיגע סעיפים ווי למשל אז אויב די פירמע גלויבט אז דער מענטש וועט מעגליך זיין נישט וויליג אדער נישט אומשטאנד צו באצאלן זייערע חובות צייטליכערהייט.

געזעץ S.3467-B/A.4629-C פארבאט צוצאלונגען און אפלויף (עקספירעישען) דאטומען אויף גיפט קארטלעך און גיפט סערטיפיקאטן. פילע גיפט קארטלעך ווערן פארקויפט מיט פארשידענע צוגעלייגטע צוצאלונגען וועלכע קענען באדייטנד רעדוצירן זייער ווערט. דאס רעכנט אריין צוצאלונגען ביים קויפן די

קארטל און צוצאלונגען פארן נישט נוצן די גיפט קארטל פאר א געוויסע צייט אפשניט. דער פעדעראלע קרעדיט קארטל געזעץ (Federal Credit CARD Act) פון 2009 האט ארויפגעלייגט געוויסע באגרעניצונגען אויף גיפט קארטלעך צוצאלונגען דורכן פארבאטן צוצאלונגען פארן נישט נוצן די גיפט קארטל חוץ אויב עס ווערט נישט גענוצט צום ווייניגסטנס פאר צוועלף חודשים און דורכן באגרעניצן די אפטקייט פון רעגלמעסיגע צוצאלונגען צו נישט מער ווי איינמאל א חודש. די קרעדיט קארטל געזעץ פארבאט אויך אפלוף דאטומען בעפאר פינף יאר נאכן ווערן ארויסגעגעבן. די צוצאלונגען וועלכע זענען יא ערלויבט קענען אבער נאכאלץ זיין באדייטנד. דער געזעץ באשיצט קונדן דורכן פארבאטן אלע צוצאלונגען אויף גיפט קארטלעך און פארבאטן גיפט קארטלעך מיט א ווערט וואס פארמינערט זיך מיט די צייט. אין צוגאב, כדי צו נאך מער עלימינירן די פארלוסט פון ווערט פאר קונדן, פארבאט דער געזעץ אפלויף דאטומען אויף גיפט קארטלעך און גיפט סערטיפיקאטן פריער פון ניין יאר פון די דאטום ווען עס איז ארויסגעגעבן געווארן, און עס ערלויבט צו באקומען די איבערגעבליבענע געלט ווען עס בלייבט ווייניגער פון פינף דאלאר.

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיאר האט געזאגט,** "די פלוצלינגדיגע און אומערווארטעטע קענסעלעישען פון קרעדיט קארטלעך באלוינונג פוינטס איז קאטאסטראפאל — באזונדערס פאר מענטשן וועלכע זאמלען זיי אן פאר לאנגע צייט אפשניטן. אויף אן ענליכן אופן, זענען גיפט קארטל פאליסיס וועלכע נוצן אויס קונדן דורכן מאכן די געלטער שווער צו צוקומען צו נישט אויסגעהאלטן. עס קומט זיך פאר קונדן די דורכזיכטיגקייט פון די זייט פון די פירמעס וועם זיי טרויען אן מיט זייער שווער-פארדינטע געלט. איך בין פרייליך אז צוויי פון מיינע פארגעשלאגענע געזעצן, S133-B און S3467-B, וועלן בקרוב באשיצן ניו יארקער פון אומיושר'דיגע תכסיסים פון קרעדיט קארטל און גיפט קארטל פירמעס. א דאנק פאר די אסעמבלי מיטגלידער וועלכע האבן אריינגעגעבן די געזעצן אין די אסעמבלי, אסעמבלי פרוי נילי ראָוזיק און אסעמבלי מאן נעידער סעיעג, און א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע קונדן באשיצונג געזעצן."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקע קונדן צוטריט צו די קרעדיט קארטל באלוינונג פוינטס וואס זיי האבן זיך פארדינט און די דורכזיכטיגקייט איבער די פאליסיס לויט וועלכע זיי פירן זיך אויף. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם שכל'דיגן געזעץ צו באשיצן קונדן."

**אסעמבלי מיטגליד נעידער סעיעג האט געזאגט,** "עס איז פשוט נישט אויסגעהאלטן צו באקומען א גיפט קארטל אדער גיפט סערטיפיקאט בלויז צו געוואויר ווערן שפעטער אז די ווערט פון די גיפט קארטל האט זיך אויטאמאטיש פארמינערט איבער די צייט, אדער אז עס איז אפגעלאפן. דאס איז פארוואס איך האב אריינגעגעבן דעם געזעץ צו פארבאטן אלע צוצאלונגען אויף גיפט קארטלעך און סערטיפיקאטן וועלכע ווערן געקויפט אין ניו יארק. איך באדאנק סענאטארשע שעלי מעיאר פאר די געווינס פון דעם געזעץ ווערנדיג אריבערגעפירט אין די סענאט, און איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ פונקט אין די הארץ פון די האלידעי איינקויפונג סעזאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov